# שיחות ודברות קודש לפרשת בהעלותך משנת תשע"ג לפ"ק

## בסעודת ברית מילה של בן הר"ר אברהם טענענבוים הי"ו

יום ב' פרשת בהעלותך תשע"ג לפ"ק

**בהעלותך** את הנרות אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות, ויעש כן אהרן אל מול פני המנורה העלה נרותיה (במדבר ח-ב), וברש"י להגיד שבחו של אהרן שלא שינה. אלע פרעגן וואס איז די שבחו של אהרן, אז ער האט נישט משנה געווען. קיינער איז נישט משנה פון די ווערטער פונעם אייבערשטען. און כל שכן ווען מען רעדט פון אהרן הכהן. און דא האט די תורה געשריבן, אז אהרן האט נישט משנה געווען, נאר ויעש כן אהרן.

**דער** הייליגער **חתם סופר** זאגט (ריש פרשת צו), אז ביי אלע עבודות אין פרשת ויקרא, ווערט דערמאנט בני אהרן, די קינדער פון אהרן. נאר ביי תרומת הדשן דארט ווערט דערמאנט אהרן. זאגט דער **חתם סופר**, אז ביי אלע עבודות אין בית המקדש, איז אהרן געזעסן און געלערנט. כי שפתי כהן ישמרו דעת, ותורה יבקשו מפיהו (מלאכי ב-ז), האט אהרן נישט געטון די עבודה אין בית המקדש, און ער האט עס איבערגעגעבן פאר די בני אהרן, אז זיי זאלן עס טון, ווייל עס איז א מצוה וואס איז אפשר לעשותה על ידי אחרים. אבער תרומת הדשן איז געווען א ענין, וואס אהרן אליין האט עס געוואלט טון, און וועגן דעם ווערט דערמאנט אהרן.

**על** כל פנים זאגט דער **חתם סופר** אז אהרן אליין האט אויך נישט געטון אלע עבודות אין בית המקדש, נאר ער האט עס איבערגעגעבן פאר א צווייטן. וואלט מען דאך געקענט זאגן די זעלבע זאך, אז ווען עס איז געקומען צו הדלקת המנורה, האט אהרן אויך נישט אנגעצינדען די מנורה. ווייל עס מוז דאך נישט זיין דווקא דורך דעם כהן גדול, א צווייטער כהן קען אויך אנצינדען די מנורה. און ער האט אוועקגעגעבן די עבודה, פאר איינע פון די קינדער, אז זיי זאלן אנצינדען די מנורה. און אהרן הכהן איז אין די צייט געזעסן און געלערנט, ווייל תורה קומט פריער. זאגט די תורה ניין, ויעש כן אהרן, אל מול פני המנורה העלה נרותיה, אהרן האט יא אזוי געטון, אזוי ווי עס שטייט אין **רמב"ן** (פ' בהעלותך), אז ער האט נישט מבטל געווען אפילו איין טאג, וואס ער האט נישט אנגעצינדען די מנורה. מגיד שבחו של אהרן שלא 'שינה', אז ער איז נישט געגאנגען לערנען דעמאלטס, נאר ער איז געגאנגען מקיים זיין די מצוה פון הדלקת המנורה.

**אבער** הא גופא קשיא. אויב אלע עבודות האט ער נישט געטון, פארוואס די עבודה פון הדלקת המנורה, האט ער נישט אוועקגעגעבן פאר א צווייטן, נאר ער האט עס אליין געטון. נאר די גמרא (שבת כג:) זאגט, הרגיל בנר הויין ליה בנין תלמידי חכמים. ווען איינער איז רגיל אין נרות של מצוה, איז עס א סגולה פאר קינדער תלמידי חכמים. און אז עס איז א סגולה פאר קינדער תלמידי חכמים, איז עס אויך א סגולה אז מען זאל אליין זיין א תלמיד חכם, הרוצה להחכים ידרים, וסימנך מנורה בדרום (ב"ב כה:). די גמרא זאגט נאר, אז אויב מען איז שוין נישט ראוי צו זיין אליין א תלמיד חכם, גייט עס אריבער צו די קינדער. קומט דאך אויס אז הדלקת המנורה, איז א חלק פון לימוד התורה. ווייל דאס ברענגט צו, אז מען זאל אויסוואקסען און שטייגען אין נר מצוה ותורה אור. איז פונקט ווי לימוד התורה קומט פריער פון אלע אנדערע מצות, איז אזא מצוה וואס דאס ברענגט צו, צו לימוד התורה, האט עס אויך די חשיבות פון תורה. און עס האט צוויי זאכען, עס ברענגט ארויס תורה, און עס איז א מצוה פאר זיך אליין. איז וועגן דעם האט אהרן הכהן מבטל געווען פון זיין לערנען, און ער איז אליין געגאנגען אנצינדען די מנורה.

## ביקורו של כ"ק האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג שליט"א אצל רבינו שליט"א

יום ד' פרשת בהעלותך תשע"ג לפ"ק

**רבינו שליט"א שאל בשלום אביו האדמו"ר מויזניץ מאנסי שליט"א [זצ"ל]. ודיברו בשבח של התורה טעיפס, שאפשר לשמוע גם בשעה שנוסעים על הדרך.**

**רבינו:** מען געפונט ביי רבי יהושע אשרי יולדתו (אבות ב-ח). די מאמע האט אים אריינגעברענגט אין בית המדרש אלץ קליין קינד, ער זאל הערן דברי תורה.

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** איך האב געהערט פונעם רב, וואס האט נאכגעזאגט פונעם טאטן (בשם החתן סופר), א טעם פארוואס מען טוט אָן א ווייסען קיטל צום סדר. ווייל מען זיצט מיט די קינדערביים טיש, און מען איז מקיים די מצוה פון והגדת לבנך, דארף זיך א מענטש מתבונן זיין, אז עס בלייבט פון אים גארנישט, נאר די קינדער. און ער דארף זעהן ווי מער אריין צולייגען אין זיי. איך האב אמאל געטראכט אז ווען מען גייט צו די חופה, גייט מען אויך מיט א קיטל. כדי מען זאל געדענקען ווען מען גייט אויפשטעלן א יודישע שטוב, אז עס זאל זיין ווי עס ברויך צו זיין. ווייל דאס איז דער תכלית, וואס עס בלייבט איבער לאחר מאה ועשרים.

**רבינו:** מען האט פריער דערמאנט פון רבי יהושע, אשרי יולדתו, אז די מאמע האט אריינגעטראגען זיין בעט אין בית המדרש. איך האב געזען צוברענגען, אז ביי רבי יהושע געפינט מען (פסחים צו:, יבמות עט:, פרה א-א), אז ער האט געזאגט, שמעתי, איך האב געהערט, ואין לי לפרש, אבער איך קען עס נישט מפרש זיין. נאר אויף רבי יהושע געפינט מען דעם לשון, שמעתי, ואין לי לפרש. אז די הסבר איז, ווייל מען געפינט אין ירושלמי (כתובות ה-ו), אז תנאים האבען געזאגט, אז זיי געדענקען זאכען פון זייער ברית. זיי געדענקען ווער עס איז געווען זייער סנדק, און ווער עס איז דארט געווען. זיי האבען געהאט אזעלכע קעפ, אז זיי האבען געדענקט פון אלץ קינד. רבי יהושע ווען ער איז געווען א קטן מוטל בעריסה, האט ער געהערט ווי מען רעדט אין בית המדרש אויף דעם ענין, און איבערפרעגען האט ער נישט געקענט. האט ער שפעטער געזאגט, שמעתי, איך האב געהערט ווען איך בין געווען אלץ קליין קינד אין בית המדרש, אז מען האט גערעדט פון דעם. אבער ואין לי לפרש, איך האב נישט געקענט איבערפרעגן, און איך קען עס נישט מפרש זיין.

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** איך האב געזען א שיין ווארט פון **קרן לדוד**, די גמרא (עירובין נד.) זאגט האי עלמא כבי הילולא דמיא, די וועלט איז אזוי ווי א חתונה. ביי א חתונה איז דא אסאך דרגות, לגבי עסן ביי די סעודה פון די חתונה. עס איז דא די ארחי פרחי וואס קומען צו די חתונה, זיי זעצן זיך אראפ און עסן געהעריג א סעודה וואו עס דארף צו זיין. נאכדעם איז דא די חשוב'ערע מענטשען וואס קומען צו די חתונה, זיי לאזען זיך נישט אזוי אריין אין די עסן, און זיי עסן ווייניגער. נאכדעם איז דא די מחותנים, וואס זיי עסן נאך ווייניגער. די חתן און כלה אליין, עסן זייער ווייניג. וואס איז די סיבה דערפון. ווייל זיי זענען פּאַרטִין אין די שמחה, האבען זיי פון דעם הנאה, די שמחה גיט זיי חיות. די ארחי פרחי וואס האבען נישט קיין שייכות מיט די שמחה, זיי עסן זיך אָן. די זעלבע זאך איז האי עלמא, דער אייבערשטער האט באשאפן די גאנצע וועלט בעיקר פאר די צדיקים (יומא לח:), און פונדעסטוועגן זעהט מען אז די צדיקים זענען נישט נהנה פונעם עולם הזה. כל העולם ניזון בשביל חנינא בני, וחנינא בני די לו בקב חרובים (תענית י.). פארוואס, ווייל זיי זענען נהנה פון עפעס אנדערש. ווי מער א מענטש איז נהנה פון תורה און עבודת ה', און דאס איז זיין חיות, דארף ער נישט הנאה האבען פון דער וועלט. דאס איז דער פשט האי עלמא כבי הילולא דמיא, עולם הזה איז אזוי ווי א חתונה. ווי מער מען האט הנאה פון א אנדערע זאך, דארף מען ווייניגער הנאה האבען פונעם עולם הזה.

**רבינו שליט"א כיבדו לברך על היין.**

**רבינו:** לחיים טובים ולשלום, דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל זעהן אסאך יודיש נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. מען

זאל קענען מרחיב זיין גבולי הקדושה מיט הרחבת הדעת.

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** מיין טאטע [זצ"ל] זאגט נאך פונעם **אהבת ישראל זצ"ל**, אז ער פלעגט וואונטשען 'יודיש נחת'. ווייל אז מען וואונטשט אָן פשוט נחת, קען דאך עס מיינען, אז יענער גייט שטודירען און דער טאטע האט הנאה דערפון, און ער זאל שעפן נחת. האט ער אנגעוואונטשען, אז מען זאל זעהן 'יודיש' נחת.

**רבינו:** איך האב געהערט פון **מיין טאטען ז"ל**, אז ווען מיין יונגערע ברידער רבי שלמה זלמן זאל זיין געזונט, איז געווארן א איידעם ביים **תולדות אהרן רבי זצ"ל**, איז די חתונה געווען אין ארץ ישראל, און צום שבע ברכות איז געקומען **רבי פנחס עפשטיין זצ"ל**, ער איז געווען ראש בית דין אין עדה החרדית, ער איז געווען א שטיקל ליטוואק, האט ער געגעבן לחיים פאר מיין טאטען, האט ער גזאגט, אזא חסידישע שידוך, דער אייבערשטער זאל העלפען מען זאל זעהן 'חסידיש'ע' נחת. האט אים מיין טאטע געזאגט, 'ביי אונז אז עס איז נישט חסידיש, איז עס בכלל נישט קיין נחת'...

**רבינו שליט"א מסר לו במתנה ספרו שמן ראש**

**האדמו"ר מוויזניץ-וומסב"ג:** איך בין זייער נהנה פון די תורות וואס קומען ארויס יעדע וואך, עס איז זייער געשמאק, מיינע ברודערס זאגען מיר אויך, אז זיי זענען אלע תלמידים פונעם רב, את בנציבין ומצודתך פרוסה בכל העולם כולו (מלשון הגמרא פסחים ג:). דער אייבערשטער זאל העלפען, מען זאל קענען ווייטער מזכה זיין את הרבים.

## בניחום אבלים אצל משפחת פאשקעס שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה

יום ה' פרשת בהעלותך תשע"ג לפ"ק

**בנה הר"ר אנשיל:** מען שמועסט דא פון די מנהגים ווען מען שטעלט א מצבה. ביי מיין טאטע און שווער האט מען געשטעלט ביי די שלשים, די שלשים איז געווען אינמיטן די וואך, און עס איז שווער געווען פאר די משפחה ארויסצופארן, האט מען געשטעלט זונטאג, און עס איז געווען א טאג פאר די שלשים. האט מען דעמאלטס געזאגט, אז א טאג פארדעם, אדער א טאג נאכדעם, שפילט נישט קיין ראלע. האבען מיר געוואלט וויסן יעצט הלכה למעשה.

**רבינו:** אינדערהיים האט מען געשטעלט חדשים שפעטער. אפילו מען האט געוואלט שטעלן פריער, האט מען נישט געקענט.

**הר"ר אנשיל:** מיין טאטע האט געזאגט אז ביי זיי האט מען געשטעלט צום יאר.

**רבינו:** אין בעלזא האט מען געשטעלט צום יאר.

**הר"ר אנשיל:** דאס איז די שאלה פארוואס מען האט געשטעלט צום יאר, צו ווייל מען האט נישט געקענט פריער, צו ווייל עס איז דא א אנדערע ענין.

**רבינו:** די הסבר איז, ווייל עס איז דא שבעה, און שלשים, און א יאר. און יעדע זאך האט זיך זיינע זמנים. האבען זיי געהאלטן, אז די מצבה געהערט צו דעם ענין פונעם יאר.

**א' מהמנחמים:** ווען האט מען געשטעלט די מצבה ביים טאטען?

**רבינו:** צום יאר.

**א' מהמנחמים:** אלץ בעלזא?

**רבינו:** אלץ אנדערע סיבות אויך, אבער דאס איז געווען איינע פון די סיבות.

**הר"ר אנשיל:** על פי שולחן ערוך איז דא, די ענין פון השכבה, ז', ל', און סוף י"ב חודש. איך האב אריינגעטראכט ווען עס איז מער ענין צו מאכן א סיום. צו ביי די סיום פון י"ב חודש, אדער ביי די יארצייט. עס ווערט געברענגט, אז ווען עס ענדיגט זיך די י"ב חודש, איז די נשמה עולה ואינה יורדת. דאס יאר וואס דער **קלויזענבורגער רב זצ"ל** איז אוועק (תמוז תשנ"ד), און דאס יאר וואס דער **תולדות אהרן רבי זצ"ל** איז אוועק (כסלו תשנ"ז), זענען געווען א עיבור יאר. און זיי האבען ביידע געמאכט די סיומים ביי די י"ב חודש, און זיי האבען געמאכט נאך עפעס א סיום צו די יארצייט, וואס זאגט דער רב צו דעם.

**רבינו:** פון די רבי'ס איז נישט קיין ראיה, אז זיי האבען אויך געמאכט אין די יארצייט טאג. ווייל זיי האבען געוואלט אז עס זאל בלייבען ביי די חסידים דער טאג פון די יארצייט, האבן זיי נישט אויסגעלאזט א יארצייט, אן צו מאכן א סעודה.

## במסיבה לטובת הכולל בבארא פארק בבית הר"ר שלמה זלמן ברילל הי"ו
יום ה' פרשת בהעלותך תשע"ג לפ"ק

**מען** זיצט דא ביי א מסיבה של מצוה פארן כולל. ב"ה דאס איז איינע פון די חשוב'סטע כוללים דא אין שטאט. מען זיצט און מען לערנט פלייסיג, מען פארהערט זיך מקצועות אין די תורה, עס איז א זכות צו האבען א חלק אין דעם. מען געפונט די וואך אין די תורה הק', בהעלותך את הנרות וגו', וזה מעשה המנורה מקשה זהב עד ירכה עד פרחה מקשה היא כמראה אשר הראה ה' את משה כן עשה את המנורה (במדבר ח-ד). אזוי ווי דער אייבערשטער האט געוויזען פאר משה רבינו, אזוי האט ער געמאכט די מנורה.

**עס** שטייט אין הייליגען **חתם סופר** (ד"ה וזה מעשה), אז א יוד וויל לערנען תורה, ער וויל זיך מקדיש זיין פאר תורה, איז עס נישט גרינג, עס איז שווער. די עצם זיך פלאגן אויפן לערנען איז שווער. און די פרנסה וואס מען דארף האבען דערצו איז שווער, רחיים על צווארו ויעסוק בתורה. די מנורה, דאס ווייזט אויף די סימבאל פון תורה. נר מצוה ותורה אור. וזה מעשה המנורה, די מעשה פון די מנורה איז, מקשה זהב, עס איז שווער צו האבען געלט דערפאר, אז מען זאל האבען די פרנסה. און עד ירכה עד פרחה, עס איז דא די ירך פון תורה, און עס איז דא די כפתור ופרח פון תורה, און אלעס איז מקשה. דאס לערנען איז שווער, מקשה זהב איז שווער, און דאס איז די מעשה המנורה.

**כמראה** אשר הראה ה' את משה, כן עשה את המנורה. ווען משה רבינו איז ארויף אויפן בארג, שטייט אין פסוק (דברים ט-ט), אז ער האט נישט געגעסן און נישט געטרינקען, לחם לא אכלתי ומים לא שתיתי. כמעט אזוי, איז א יוד ווען ער וויל לערנען תורה. עס איז כמראה אשר הראה ה' את משה, אזוי ווי דער אייבערשטער האט געוויזען פאר משה רבינו, ווען ער איז געגאנגען לערנען תורה, אז ער האט נישט געהאט קיין ברויט צו עסן, און קיין וואסער צו טרינקען. כן עשה את המנורה, אזוי האט דער אייבערשטער געמאכט די מנורה.

**אבער** מיר ווייסען אז ביי יודען איז דא יששכר און זבולון. יששכר זענען די וואס זיצען און לערנען תורה, און נאכדעם איז דא די זבולון, וואס טוען צוהעלפען, און זיי זענען מחזיק אז דער יששכר זאל קענען לערנען תורה. און עס איז חלק כחלק יאכלו, אז מען נעמט א חלק אין תורה, ווערט עס גערעכנט פאר דעם וואס איז מחזיק די תורה, כאילו ער האט א חלק אין די תורה. **ווען א יוד איז מקבל אויף זיך עול התורה, העלפט דער אייבערשטער אז עס קומט אריין די ברכה. דער אייבערשטער פארלאזט נישט, עס איז דא כמה שלוחים למקום. ווען ער וואלט זיך באמת מקדיש געווען פאר תורה, וואלט דער אייבערשטער אים מזמין געווען זיין זבולון, וואס זאל אים צוהעלפען, אז ער זאל קענען זיצען באהלה של תורה.**

**נתקשה** משה במעשה המנורה, עס איז אים געווען שווער די מעשה המנורה, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, נעם דעם זהב, ווארף עס אריין אין פייער, און די וועסט זען אז עס גייט ארויסקומען א מנורה. דו טוה דיינס, און דו וועסט זען, אז דו וועסט צוקומען, און עס וועט ווערן דערפון א מנורה.

**ב"ה** מען זיצט ביי א מסיבה של מצוה, וואס מען קומט זיך צוזאם דער יששכר, מיט די זבולון וואס טוען מחזיק זיין די תורה. און זיי האבען א חלק אין די תורה. ווען נישט די זבולון, קען מען נישט זיצען און לערנען. רש"י ברענגט צו (במדבר ג-לח), אז זבולון האט זוכה געווען, אז זיי זענען געווען גרויס אין תורה. יששכר איז געווען גרויס אין תורה, און זבולון איז אויך געווען גרויס אין תורה. זבולון האט נאר געהאט אויסער דעם, אז ער איז געווען לחוף אניות, וואס ער האט עוסק געווען בפרקמטיא, און ער האט געגעבן פאר יששכר.

**ווי** אזוי איז מען זוכה צו זיין א יששכר, און ווי אזוי איז מען זוכה צו זיין א זבולון. זאגט רש"י,

ווייל בשעת מען האט גערוהט מיט די דגלים, זענען יששכר און זבולון געווען נאנט צו משה רבינו. און ווער עס איז נאנט צו משה רבינו, ווער עס איז נאנט צו א צדיק, דער איז ערליך. טוב לצדיק טוב לשכנו, האט עס געהאט א השפעה, און יששכר און זבולון זענען זייערע קינדער אויסגעוואקסען, מער פון אנדערע. פארקערט אויך, זאגט רש"י, אוי לרשע אוי לשכנו, די בני ראובן זענען אריינגעפאלן אין די מחלוקת פון קרח, ווייל זיי זענען געווען נאנט צו קרח. און דאס האט אריבערגעברענגט די מחלוקת פון זיי, צו די וואס זענען געווען ארום און ארום.

**דער** בעל אכסניא רבי שלמה זלמן זאל זיין געזונט, איז נאנט צו משה, נאנט צו די כולל, נאנט צו בני תורה, ער איז נתחנך געווארן אין א שטוב פון תורה, און אריינגעקומען אין א שטוב פון תורה. און דאס ברענגט דערצו, אז מען זאל קענען זיין דער אמת'דיגער זבולון, און זיין א שותף צו תורה. עס איז נישט אזוי גרינג איבערצווווארפען א שטוב, און מאכען א מסיבה. ווען מען קומט אָן איז טאקע אלעס שיין געדעקט, אבער וויפיל צייט האט עס גענומען אהער צו שטעלן, און וויפיל וועט ער נאך אויפזיין היינט נאכט, דאס צוריקצושטעלן אז מען זאל קענען שבת פירען א געהעריגע שטוב. און דאס איז פארבינדען מיט אסאך יגיעה, און אסאך פלאג, ער מיט די בני בית צוזאמען. און דאס נעמט זיך נאר פון אהבת התורה. אז מען האט ליב תורה, דעמאלטס איז גארנישט שווער, און אלעס קומט אן גרינג, און מען האט א שמחה עס צו טון.

**און** אויף דעם זכות פון ארויסהעלפען תורה, באצאלט דער אייבערשטער. עס האט נאך קיינער נישט דערלייגט אויף דעם. אז מען איז מוקיר תורה, באצאלט דער אייבערשטער אז מען האט קינדער תלמידי חכמים. מאן דמוקיר רבנן הויין ליה בנין רבנן (שבת כג:). זאל דער אייבערשטער געבען, אז ער זאל קענען ווייטער ערציען די קינדער לתורה ולחופה ולמעשים טובים מתוך נחת. און די עלטערן און די זיידעס, זאלן זען אסאך נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. די זכות פון תורה זאל מגין זיין פאר אונז אלע, מיר זאלן געבענטש ווערן מיט די ברכות התורה, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

## שיעור באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא – בארא פארק

ליל שישי פרשת בהעלותך תשע"ג לפ"ק

(י) **וישמע משה את העם בוכה למשפחותיו איש לפתח אהלו, ויחר אף ה' מאד.** טעם 'מאד', לצד שכל עושה רשעה, לצד תגבורת הפיתוי ועריבות האיסור, יש לדון בו צד האונס. אבל אלו שמבקשים לשוב, הרי הם כמגרים בהם יצר הרע, ואין גדר רע גדול מזה.

**ובעיני משה רע.** כי יקפיד האיש על מעשה ידיו. וצא ולמד ממה שנאמר בשמואל (תענית ה:) שחסרו מימיו, שלא יראה ברעה אשר תמצא את שאול. וכמו כן רע על משה מעשה בלתי הגון של ישראל.

**נאך א נקודה דערצו** - ווייל באמת זאגט דאך דער פסוק, אז 'והאספסוף' אשר בקרבו התאוו תאוה. עס האט זיך נישט אנגעהויבען ביי יודען. וישובו ויבכו 'גם' בני ישראל, די ערב רב האבען צוגעברענגט די יודען דערצו, אז זיי זאלען אויך וויינען. ווער האט מקרב געווען די ערב רב, משה רבינו. אזוי שטייט אין רש"י (שמות לב-ז) לך רד כי שחת 'עמך', דיין פאלק, וואס דו האסט ארויסגעברענגט, און דו האסט נישט געפרעגט, צו דו זאלסט זיי ארויסנעמען צו נישט, די האבען געזינדיגט. ווען משה רבינו האט געזען, וואס די ערב רב האבען יעצט ווייטער געטון, והאספסוף אשר בקרבו התאוו תאוה, איז געווען בעיני משה רע, איז עס געווען אין די אויגען פון משה שלעכט, כי יקפיד האיש על מעשה ידיו, ער האט מקפיד געווען אויף דעם, וואס ער האט 'אליין' געטון. ער האט צוגעברענגט דערצו, אז יודען זענען צוגעקומען צו אזא מצב.

*

**או ירצה על זה הדרך.** שרע בעיני משה מה שחרה ה' אפו מאד כל כך, וכמאמרם ז"ל (ספרי צה) שהראה ה' למשה פורענות שעתיד להביא, ואמר לפניו רבונו של עולם הגון הוא שתתן להם בשר ותהרגם וכו'. עד כאן.

**קומט** אויס, אז דער **אור החיים הק'** האט געטייטשט דא צוויי וועגן, וואס עס מיינט ובעיני משה רע. דער ערשטער פשט איז, ויחר אף ה' מאד, אז דער אייבערשטער האט זיך זייער געבייזערט אויף יודען, פארוואס זיי האבען געטון דעם חטא. ובעיני משה רע, פאר משה רבינו איז אויך געווען שלעכט, דער חטא וואס זיי האבען געטון. און עס האט אים ווי' געטון, ווייל עס איז געווען מעשה ידיו. לויטן צווייטען פשט פונעם **אור החיים הק'**, גייט די ווערטער ובעיני משה רע, נישט ארויף אויף יודען, נאר עס גייט ארויף אויף דעם אייבערשטען. ויחר אף ה' מאד, דער אייבערשטער איז אזוי ברוגז, אז ער גייט ברענגען אויף זיי א פורענות, ובעיני משה רע, איז אין די אויגען פון משה רבינו געווען שלעכט, פארוואס דער אייבערשטער גייט ברענגען אזא פורענות אויף יודען, עס האט אים ווי' געטון דעם חרון אף פונעם באשעפער.

**אבער** דער פסוק פאר זיך אליין איז א פלא, רש"י טייטש וישמע משה את העם, ער האט געהערט דאס פאלק, בוכה למשפחותיו, זיי וויינען צו זייערע משפחות. זאגט רש"י צוויי פשטים, איינס 'משפחות משפחות נאספים ובוכים', זיי האבען זיך צוזאמגענומען משפחות און געוויינט, 'לפרסם תרעומתן בגלוי', ווייל זיי האבען געוואלט מפרסם זיין זייער ווייטאג בגלוי, נעמט מען זיך צוזאם אין א גרופע און מען וויינט. 'ורבותינו אמרו, למשפחותיו, על עסקי משפחות', זיי האבען געוויינט וועגן עסקי משפחות, 'על עריות הנאסרות להם', מען האט זיי געאסרט עריות, נאך מתן תורה. עס איז געווען געוויסע עריות אסור פאר דעם אויך, אבער געוויסע עריות איז צוגעקומען, נאכדעם וואס מען האט געגעבן די תורה. און זיי האבען געוויינט למשפחותיו, אז מען האט זיי פארבאטען די עריות.

**וואו** פאלט דא אריין דער פסוק, פון א זאך וואס מען האט נישט גערעדט דערפון, נישט פארדעם און נישט נאכדעם. דער פסוק פאנגט אן והאספסוף אשר בקרבו התאוו תאוה, אז מען וויל עסן פלייש. און מען רעדט זיך אָפּ ווי גוט עס איז געווען אין מצרים, אז עס איז געווען דארט דגה מיט קישואים און אביטיחים, און יעצט האט מען נישט עפעס אנדערש, נאר בלתי אל המן עינינו, מען האט נאר די מן. און עס איז נישטא דא קיין שום זכר, אז מען האט זיך אפגערעדט אויף עריות. אבער אין דעם גאנצע שמועס, רעדט מען ווייטער נישט פון דעם, אז עס איז געווען א פראבלעם פון עריות. מען רעדט נאר אלץ, צו עס איז יא געווען פלייש, צו עס איז נישט געווען פלייש, און וויפיל פלייש מען וועט געבן צו עסן, אבער וואו קומט אריין דער פסוק דא אינדערמיט.

**אין** די מפרשים שטייט, אז אין די פסוקים פריער שטייט, אז זיי האבען זיך אפגערעדט, אז זיי האבען נאר די מן, און זיי ווילן עסן פלייש. אבער די פסוק זאגט, אז די מן איז געווען כזרע גד הוא, עס איז געווען אזוי ווי די זאָמען פון גד, ועינו כעין הבדולח. און רש"י טייטש דערויף, זיי רעדן זיך אָפּ אויף די מן, אבער דער אייבערשטער זאגט, איך געב זיי אזא גוטע מן, וואס עס איז עינו כעין הבדולח, און קוקטס אויף וואס מיינע קינדער רעדן זיך אָפּ.

**די** גמרא (יומא עה.) זאגט אויף דעם פסוק (שמות טז-לא) והמן כזרע גד הוא, אז גד איז פון לשון הגדה, זאגן. אזוי ווי דער נביא האט מגיד געווען זאכען וואס זענען בסתר, זאכען וואס מען האט נישט געוואוסט. אזוי אויך האט די מן מגלה געווען זאכען וואס מען האט נישט געוואוסט. ווייל די מן איז געפאלען ביי יעדן איינעם על פתח ביתו, ביי זיין טיר. און טאמער א פרוי האט מזנה געווען, איז נישט געפאלען די מן על פתח ביתה ווי ז' איז געווען, און די מן איז געפאלען ביי די משפחה ווי דאס קינד האט געהערט באמת. ווייל דער אייבערשטער האט געוואוסט יעדע קינד וואו ער געהערט. קומט דאך אויס, אז זייט עס האט אנגעהויבן צו פאלען די מן,

האט מען נישט געקענט מער זינדיגען אין עריות. ווייל דער מן האט אלעס מגלה געווען, און קיינער האט נישט געוואלט, אז מען זאל וויסן אז מען האט געזינדיגט. קומט אויס, אז דורך די מן, האבען זיי זיך געמוזט האלטען, צו דעם איסור פון עריות.

**והמן** כזרע גד הוא, די מן איז געווען אזוי ווי א נביא וואס זאגט, כזרע גד, עס האט געזאגט אויף די זרע, ווי יעדע קינד געהערט, וישמע משה את העם בוכה למשפחותיו, על עסקי משפחות. משה רבינו האט געהערט ווי זיי וויינען, און זיי זענען אומצפרידען פונעם מן, מכח דעם וואס עס איז זיי נאסר געווארן עריות. און דורך די מן, קענען זיי נישט זינדיגען.

**מען האט שוין כמה פעמים גערעדט פון דעם, אז רוב מחלוקת'ן, איז קיינמאל נישט די נקודה פונעם מחלוקת, דאס וואס מען זאגט אויף וואס מען קריגט זיך. יעדע מחלוקת איז דא א אינווייניגע סיבה, וואס דאס ברענגט די מחלוקת. נאר עס איז דא א צודעק פון אינדרויסען, פון וואס מען רעדט. אז עס איז דא א סכסוך אין שלום בית, און מען קריגט זיך. וועט מען אויסרעכענען די עוולה, און יענע עוולה. אבער דאס אלעס איז נישט די אמתדיגע עולה, אינטער דעם איז באהאלטען עפעס וואס קוועטשט. ווייל אויב נישט איז על כל פשעים תכסה אהבה** (משלי י-יב), **וואלט אלעס נישט געווען קיין עוולה. מען שעמט זיך נאר אסאך מאל ארויס צו זאגען, וואס עס קוועטשט באמת אינווייניג. און אסאך מאל, קען מען אליין נישט אנצייגען, וואס עס איז די זאך וואס עס קוועטשט. לייגט מען עס אָן, אז מען האט דאס געזאגט, מען האט יענץ גערעדט, און מען איז דא געגאנגען און מען האט דאס געטון. אבער נישט דאס איז די עיקר נקודה פון די מחלוקת.**

**היינטיגע מחלוקת'ן איז דאך אלעס כולו לשם שמים! אין וואס מען קריגט זיך נאר, צו אין תורה צו אין עבודת ה' וכדומה, מיינט מען גארנישט עפעס אנדערש, נאר פארן אייבערשטען! יעדער ווייסט אז דאס איז נאר א תירוץ, אבער אינטער דעם איז כבוד, און געלט, און בילדינג"ס. און אויף אלעם איז דא אנדערע סיבות, פארוואס מען קריגט זיך. נאר וואס דען, עס פאסט דאך נישט צו רעדן פון וואס מען קריגט זיך, לייגט מען עס אריין אין תורה. און נאך א סיבה, ווייל אז מען וועט זאגען דעם אמת, פארוואס מען קריגט זיך, וועט דאך נישט זיין קיין צוויי צדדים. ווייל פאר קיינעם אינטערעסירט נישט יענעמ'ס חשבונות. אבער אז מען לייגט עס אריין אין תורה, און אין יודישקייט. איז שוין דא יודען וואס וועלן זיך אננעמען דערפאר.**

**מען** געפינט ביי די מחלוקת פון קרח ועדתו, די תורה פארציילט אז קרח האט זיך געקריגט מיט משה רבינו. וואס איז געווען די מחלוקת, וואס האט קרח געהאט טענות צו משה מיט אהרן. שטייט אין פסוק (במדבר טז-ג) כי כל העדה כולם קדושים ובתוכם ה', מיר זענען א הייליגע עדה, מיר זענען אלע קדושים, דער אייבערשטער איז צוזאמען מיט אונז. ומדוע תתנשאו על קהל ה', פארוואס טוט איר זיך דערהייבען על קהל ה'. וואס זענט איר משה מיט אהרן מער, מיר האבען אלע געהערט פונעם אייבערשטען אנכי ולא יהיה, פונקט אזוי ווי ענק. ומדוע תתנשאו על קהל ה'. קומט אויס, אז די מחלוקת וואס קרח האט געזאגט אז ער קריגט זיך, איז, פארוואס איז דא א כהן מיט א לוי, אלע זענען מיר אייניג, כל העדה כולם קדושים.

**אז** מען קוקט אבער אריין אין רש"י, זאגט רש"י מה ראה קרח לחלוק על משה רבינו, נתקנא על נשיאותו של אליצפן. אליצפן האט מען געשטעלט פאר א נשיא, און ער האט געהאלטן אז די פאָסטען פון אליצפן, וואלט זיך געקומען פאר אים. און ער האט מקנא געווען אויף די נשיאות פון אליצפן. איז ער ארויס מיט א קאמף קעגן משה מיט אהרן. דאס מיינט, אז בעצם האט קרח נישט געהאט קיין דין ודברים מיט משה און אהרן. ער האט פארשטאנען אז עס דארף זיין א כהן מיט א לוי, און עס דארף זיין איין כהן גדול, און עס קען נישט זיין צוויי. און ער האט פארשטאנען אז משה איז דער מלך, און אהרן איז דער כהן, און עס איז נישטא קיין צוויי

מלכים, און צוויי כהנים גדולים. נאר וואס דען, די נשיאות פון אליצפן, האט ער געהאלטן אז לויטן חשבון קומט עס פאר אים, און מען האט עס אים נישט געגעבן. און אויף דעם איז ער ארויסגעגאנגען אין א מחלוקת. פארוואס שטייט נישט אין חומש איין ווארט, אז ער האט א פראבלעם מיט די נשיאות פון אליצפן, און וועגן דעם קריגט ער מיט משה.

**ווייל** ווען ער זאל ארויס זאגען דעם אמת, אז ער קריגט זיך וועגן די נשיאות פון אליצפן. פאר וועם גייט עס אן. נאר פאר צוויי מענטשען, פאר אליצפן מיט קרח. צו אליצפן זאל זיין דער נשיא, אדער קרח זאל זיין דער נשיא. און קיינער וואלט נישט ארויסגעגאנגען אים העלפען אין זיין קאמף. וואס איז מיר א נפקא מינה ביי וועם די נשיאות וועט זיין, ביי מיר וועט עס ממילא נישט זיין, נאר אדער ביי קרח אדער ביי אליצפן. זאלן זיי זיך אליין קריגען צווישן זיך. און נאכדעם, וואס פאר א פנים האט קרח, אזא אדם גדול, זאל ארויסגיין זאגען, איך האב קנאה אויף די נשיאות פון אליצפן, און מען האט עס פון מיר צוגענומען. עס פאסט דאך נישט צו פירען אזוי די מחלוקת.

**וואס** קען ער יא טון. ער וועט עס מלביש זיין אין א שיינע צורה, אז כל העדה כולם קדושים, מיר האבען אלע געהערט פונעם אייבערשטען, פונקט ווי משה און אהרן, פארוואס זענען משה מיט אהרן די מיוחסים. מיר זענען די זעלבע מיוחסים, און אלעס וואס משה און אהרן קענען טון, קענען מיר אויך טון. דאס איז שוין געווען א זאך, מיט וואס ער האט געקענט אנקלאפען ביים ציבור, אז מען זאל עס דערהערן, און עס זאל ווערן א מחלוקת דערפון. - אבער די נקודה דערפון איז, אז ביי א מחלוקת בדרך כלל, רעדט מען נישט פון די אמתדיגע זאך וואס עס קוועטשט, מען טוט עס נאר מלביש זיין אין עפעס אנדערש.

**יודען** האבען געוואלט צוריקגיין קיין מצרים, מצרים איז געווען ערות הארץ, עס איז געווען א פרייע פעלד, און זיי זענען אלע געווען שטופים בעריות, ווי רש"י (בראשית יב-יט) ברענגט צו. און יודען האבען זיך גאנץ פיין געפינען דארט אין מצרים, ווייל זיי זענען אויך געווען שקוע אין די מ"ט שערי טומאה. און מען האט זיי ארויסגענומען פון מצרים, און מען האט זיי אריינגעברענגט זיצען אין א מדבר, וואו עס איז נישט דא גארנישט. האט זיך זיי געבענקט צוריקצוגיין קיין מצרים, על עסקי עריות. אבער וואס פאר א פנים וועלן זיי האבען, אז זיי וועלן זאגען, אז מיר ווילן צוריקגיין קיין מצרים וועגן עסקי עריות. דאס קען מען דאך נישט זאגען. איז דא א עצה, מען גייט זיך אפרעדן אז די מן טויג נישט, מען קען נישט עסן די מן, מיר דארפן פלייש מיט קישואים, און מיר דארפען דגה. און דאס קען מען אונז נישט געבן דא אין די מדבר, און ממילא וועט מען אונז צוריקטראגען קיין מצרים. דאס איז נאר געווען די מאנטעל פאר די מחלוקת, פאר די וואס ווילן צורקגיין קיין מצרים.

**און** דאס האט ווי געטון פארן באשעפער און פאר משה רבינו. משה רבינו האט פארשטאנען אז נישט דאס קוועטשט זיי, אז זיי האבען נישט קיין פלייש. עס קוועטשט זיי נישט דאס אז זיי האבען נישט קיין קישואים מיט אבטיחים. זיי קוועטשט 'למשפחותיו', די עסקי עריות וואס זיי קענען דא נישט עובר זיין, און זיי האבען עס געקענט האבען אין מצרים. וישמע משה את העם, משה רבינו האט 'דערהערט' פונעם פאלק, בוכה למשפחותיו, מען וויינט נישט פאר א שטיקל פלייש. פאר פלייש 'בעט' מען פלייש, און מען 'קריגט' זיך אויף פלייש, אבער מען 'וויינט' נישט אויף פלייש. פון דעם וואס מען האט געוויינט, האט משה פארשטאנען אז דאס איז 'למשפחותיו', די סיבה דערפון איז על עסקי עריות, וואס עס פעלט זיי דא אין מדבר. און דאס איז געווען ויחר אף ה' מאד, אויף דעם איז דער אייבערשטער געווען ברוגז, ובעינו משה רע.

**איך** מיין אז עס שטייט אין **אלשיך הק'**, וישמע משה את העם בוכה למשפחותיו איש לפתח אהלו, זאגט ער, אז יודען זענען געווען אין מדבר שטארקע צנועים, רש"י (במדבר כד-ה) זאגט, אויפן פסוק מה טובו אהליך יעקב, בלעם האט געזען אז פתחו של זה איז נישט געווען כנגד

פתחו של חבירו, עס איז געווען אין פתחיהן מכוונים. מען האט אזוי אויסגעשטעלט די שטובער, אז קיינער זאל נישט קענען אריין זען ביי יענעם אין שטוב, כדי ער זאל נישט קענען האבען א שייכות מיט דעם אנדערן שטוב. קומט אויס, אז מען האט אפגעזונדערט יעדע משפחה פאר זיך, אז איינער קוקט נישט אריין וואס טוט זיך ביים צווייטען. און דאס האט זיי ווי געטון, 'איש לפתח אהלו', פארוואס יעדער איינער איז נאר לפתח פון זיין אהל. און זיין פתח איז נישט אפען צו דעם פתח פונעם אנדערן'ס אוהל. און דאס איז געווען די בוכה 'למשפחותיו', און אויף דעם איז ויחר אף ה' מאד.

* * *

(יא) **ויאמר משה אל ה', למה הרעות לעבדך, ולמה לא מצאתי חן בעיניך, לשום את משא כל העם הזה עלי.** קשה למה התחיל בתרעומת הנזק ואחר כך בתרעומת מניעת התועלת, שהיה צריך לומר 'למה לא מצאתי חן וגו' ולמה הרעות וגו'. אכן הכוונה היא על פי דבריהם ז"ל (ספרי צא) בפסוק (שמות לב-לד) לך נחה את העם, שאמר הקב"ה למשה, בני סרבנים הם וכו', טרחנים הם וכו', מקללים אתכם, סוקלים אתכם באבנים וכו' עכ"ל. ועל זה בא מאמר משה כאן 'למה הרעות', פירוש, הטלת עלי הרעה הזאת לסבול רעת בניך. ואחר שקבלתי, היה מן הראוי למצוא 'חן בעיניך' לתת לי עוזר לישא עמי בעול הגדול, ולא כן עשית, שנתת 'עלי' כל המשא. ואמר 'לא מצאתי' חסר א', לומר אפילו מיצוי, פירוש, דבר מועט מהחן, לא השגתי.

**או ירצה על זה הדרך.** למה הרעות, כמו שפירשתי, ואומרו ולמה לא מצאתי, פירוש כיון שנתת עלי עול הדבר הזה יש לי לטעון למה לא מצאתי חן, לצד ששמת עלי משא כל העם, ופירוש 'למ"ד' של 'לשום' היא למ"ד הסיבה, ואמר זה משה, לצד שראה כי ביקש שלא יתן להם בשר ולא יהרגם כדברי המדרש (ספרי) שכתבנו בסמוך, ולא מצא חן בעיני ה' לקבל תפלתו. גם ראה המסובב מהם שהם גרמו לו מיתה במדבר, וכמה ענפי היגון אשר סובב לו מהם, אשר לא כן היה מן הראוי להשתלם על יגיעו וסבלותו.

**אין** די גמרא (סנהדרין ח.) שטייט, וויפיל איז א מנהיג מחויב סובל צו זיין פון יודען. זאגט די גמרא כאשר ישא האומן את היונק. אזוי ווי דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, שאהו בחיקך, טראג אים אין דיין שויס, כאשר ישא האומן את היונק, אזוי ווי א מאמע וואס טראגט א זייגעדיגע קינד. אזוי דארף א מנהיג האלטען יודען.

**אין** די מפרשים שטייט אז די פשט דערפון איז, מען זעט א מאמע האט א ניי געבוירען קינד, און זי האלט דאס קינד אויף די הענט, און ווען דאס קינד ברעכט, ברעכט ער אויף זיך אליין, און ער ברעכט אָן די מאמע. אז דאס קינד גייט ארויס, פארשמירט ער זיך און ער פארשמירט דאס קלייד פון די מאמע. די מאמע וועט קיינמאל נישט שרייען אויפן קינד, וואס האסטו געטון?! איך האב עס יעצט אויסגעוואשען, און שוין האסטו עס פארשמירט! נאר מען האט סבלנות. מען לאזט זיך פארשמירט, און מען נעמט קודם דאס קינד, און מען טוט אים אפוואשען און מען טוט אים איבערפאקען, און מען טוט אים אָן אלעס פון ניי. און נאכדעם וועט זי זיך נעמען צו זיך אליין, צו אפוואשען איר קלייד, וואס עס איז פארשמירט געווארן. און נאכדעם וועט זי ווייטער אויפהייבען דאס קינד, און ווייטער גלעטן דאס קינד, און געבן א קיש, כאילו עס וואלט גארנישט געווען. עס איז גארנישט נשתנה געווארן, פון א פערטל שעה פריער, וואס יעדער איז געווען אנגעשמירט, און עס איז ווייטער אזוי ווי עס איז געווען. ווייל די אהבה פון א מאמע צו א קינד איז אזוי גרויס, אז זי קוקט נאר די טובה פונעם קינד. און טאמער דאס קינד וועט זיך פארשמירען, איז ער גארנישט שולדיג, א קינד איז נאר א קינד. און זי שלינגט אראפ, וואס דאס קינד האט זיך פארשמירט, דאס עגמת נפש וואס עס איז געווען פאר איר, איז כאילו עס וואלט גארנישט געווען, און זי נעמט ווייטער ארום דאס קינד.

**ווען** עס פאסירט אזא זאך ביי עלטערע מענטשען, אז איינער זאל נעמען יענעם, און

אים אנשמירן, אדער ארויפברעכען אויף אים, אדער ארויפלייגען אויף אים עפעס א אנדערע דבר טינוף. נאך בעפאר ער וועט אנהייבען עפעס צו טון, קודם וועט זיין קולות מיט יללות, אויף וואס מען האט געטון. און ער וועט אנהייבען 'זיך' צו באפיצן, פון וואס מען איז פארשמירט געווארן. און פאר יענעם, זאל זיך יענער אליין זארגען.

**א** מנהיג פון יודען איז אויך די זעלבע. ער ליידט, אזוי ווי רש"י זאגט, מען איז אים מקלל, און מען ווארפט שטיינער וכדומה, זאגט די תורה, אז די סבלנות פון א מנהיג דארף זיין, כאשר ישא האומן את היונק, אזוי ווי דער אומן טראגט דעם יונק, ער טראגט דעם קליין זייגעדיגע קינד, וואס ווען דאס זייגעדיגע קינד פארשמירט זיך, און פארשמירט די מאמע, איז מען שטיל און מען בייזערט זיך נישט דערויף, נאר מען זאגט גארנישט. און די אהבה איז גארנישט קלענער געווארן, פון דאס וואס עס איז געווען פריער. און מען נעמט ווייטער דאס קינד, און מען טשאטשקעט זיך מיט אים. דאס זעלבע איז די וועג, ווי אזוי עס דארף צו זיין די סבלנות פון א מנהיג צו יודען, עס דארף זיין כאשר ישא האומן את היונק, אזוי ווי דער אומן טראגט דאס יונק.

*

**איך** האב געזען צוברענגען, אז משה רבינו האט דא צאמגענומען און געבעטן, אז עס איז נישט דא קיין פלייש פאר יודען, און איך קען נישט טראגען דאס גאנצע פאלק. געב מיר צו אספה לי שבעים איש מזקני ישראל. א מנהיג ביי יודען איז משפיע פרנסה, אזוי שטייט אין די גמרא (תענית י.) כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני, וחנינא בני די לו בקב חרובין. כל העולם כולו ניזון, די פרנסה וואס עס איז דא, קומט דורכן מנהיג. אזוי האט דער אייבערשטער אראפגעשטעלט, אז א מנהיג פון יודען איז דער משפיע פארן ציבור.

**משה** רבינו איז געווען דער מנהיג פון יודען, משה רבינו איז געווען אזוי דערהויבען, אז ער האט נישט געהאט קיין שייכות צו חומריות'דיגע עסן. און ווען ער האט משפיע געווען פרנסה פאר יודען, האט ער נאר געקענט משפיע זיין א גערטליכע פרנסה, לחם מן השמים. ווייל דאס איז געווען די מציאות פון משה רבינו. און וועגן דעם, די פערציג יאר וואס משה רבינו איז געווען מנהיג ביי יודען, האט משה רבינו משפיע געווען לחם מן השמים, עסן פון הימל. ווייל מיט גשמיותדיגע עסן האט משה רבינו נישט געהאט קיין שייכות. ער איז נישט געווען א כלי, משפיע צו זיין לחם גשמי. - ווען מען קומט אריין קיין ארץ ישראל, און מען דארף אנהייבען ישוב הארץ. קען משה רבינו נישט זיין דער מנהיג דערפאר, משה רבינו קען זיי נאר משפיע זיין מן, אבער ער קען נישט משפיע זיין א גשמיות'דיגע פרנסה. איז וועגן דעם האט מען צוגענומען משה רבינו, און יהושע האט איבערגענומען. יהושע ער איז שוין אין א קלענערע מדריגה, ער קען משפיע זיין פרנסה פאר יודען.

**אבער** יעצט ווען מען איז נאך אין מדבר, און משה רבינו'ס כח איז נאר פאר מן, און זיי בעטן בשר. זאגט משה רבינו, הצאן ובקר ישחט להם ומצא להם, איך קען זיי נישט געבן קיין בשר, ווייל מיין מדריגה איז אסאך העכער ווי צאן ובקר, ווי אזוי קען איך זיי ארויס העלפען דא. האט דער אייבערשטער אים געזאגט, איך וועל צוגעבען צו דיר נאך מנהיגים, וואס זיי וועלן נישט זיין אין דיין מדרגה. אספה לי שבעים איש מזקני ישראל, קומט אויס אז פון היינט אן, ווועסטו שוין נישט זיין דער איינציגער מנהיג פאר יודען, נאר דיין כח וועט צושפרייט ווערן, פאר די שבעים איש. און די שבעים איש זענען שוין נישט אין אזא מדריגה וואס דו ביסט. דו וועסט משפיע זיין דעם מן, און זיי וועלן משפיע זיין פלייש. און דאס איז געווען די תשובה אויף וואס משה רבינו האט געזאגט, אז ער פון זיין כח קען נישט משפיע זיין נאר לחם מן השמים. אבער דורך דעם וואס ער וועט האבען אנדערע, וואס וועלן מיטשטיין מיט אים, וועלן זיי משפיע זיין די עניני גשמיים, וואס עס פעלט אויס פאר יודען.